**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו זיין ספיציעל פארזיכטיג ווען הוץ און שווערע וועטער גייט אן**

***דראענדע הייסע און פייכע באדינגונגען זענען פאר היינט מיט פילט-ווי טעמפעראטורן צווישען -90 106 גראד איבערן סטעיט; מעגליכקייט פאר שווערע שטורעמס דורכאויס גרויס טייל פון סטעיט דעם נאכמיטאג***

***גאווערנער [שרייבט אינטער לעגיסלאציע](#) ערלויבענדיג ווייל'ער צו באקומען צובייס ווען ווארטענדיג אין ליניע ביי וואל לאקאלן***

***גאווערנער באפעלט ניו יארק סטעיט פארקס צו פארלענגערן שעות***

***9,997 עלעקטריק קורצשלוסן איבערן סטעיט***

***סטעיט אגענטורן קאארדינירן מיט לאקאליטעטן נאך טארנעידא האט געלאנדעט אין צענטראלע ניו יארק; באטראפענע היים אייגענטומער און ביזנעס אייגענטומער געמוטיגט צו זעלבסט-באריכטן שאדן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו נעמען זיכערהייט מאסנאמען דורכאויס צייט אפשניטן פון עקסטרעמע היץ דורכאויס פריימערי טאג. ניו יארקער קענען ערווארטן דראענדע הייסע און פייכע באדינגונגען זצו פארזעצן היינט מיט פילט-ווי טעמפעראטורן צווישען 90-106 גראד איבערן סטעיט. אין צוגאב, עס איז דא די מעגליכקייט פאר שווערע שטורעמס דורכאויס גרויס טייל פון סטעיט דעם נאכמיטאג און אווענט וועלכע קענען ענהאלטן שעדליכע ווינטן. פילט-ווי טעמפעראטורן אויף מיטוואך זענען ערווארטעט צו זיין 82-100 גראד מיט די מעגליכקייט פאר שווערע שטורעמס וועלכע קענען ענהאלטן שעדליכע ווינטן אין די צפון טייל פון די סטעיט דעם נאכמיטאג און אווענט. אין אנטווארט צו די שווערע וועטער וועלכע האט באטראפן צענטראלע ניו יארק איבער די וואך ענדע, גאווערנער Hochul (האקול) [האט דעקלערט אן עמערדשענסי צושטאנד אין 32 קאונטיס](#) און סטעיט אגענטורן געבן אנטווארט צו העלפן ניו יארקער מיט שטורעם שאדנס און ווירונקגען פון עקסטרעמע הוץ.

"מיט דראענדע הייסע וועטער ערווארטעט איבערר גרויס טייל פון די סטעיט היינט, איך מוטיג אלע ניו יארקער צו בלייבן קיל און פארזיכערט - ספיציעל די וועלכע ווארטן אין ליניע אפצוגעבן שטימעס," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "סטעיט עמערדשענסי אנטווארט באאמטע שטיין גרייט און זענען גרייט צו העלפן ניו יארקער דורכאויס די עקסטרעמע וועטער, און ווען די הוץ כוואליע קומט אן צום שפיץ, איך דערמאן יעדער צו האבן א זיכערע פלאץ צו בלייבן קיל, פארמינערען צייט אינדערויסן, און טרינקן אסאך וואסער."

די וואך ענדע, גאווערנער Hochul (האקול) האט אינטערגעשריבן לעגיסלאציע וועלכע טוט אנדידערשטימען אן אלטע טייל פון ניו יארק'ס וואל געזעץ - די נייע לעגיסלאציע טוט יעצט העלפן ווײלער דורך ערלויבן צובייס צו ווערן צוגעשטעלט ווען זיי ווארטן אין ליניע צו אויספירן זייער ציווישע פליכט.

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט באפוילן די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) צו צושטעלן פארלענגערטע שעות ביי סטעיט שווימען און קילונג איינריכטונגען דורכאויס די יעצטיגע הוץ כוואליע אלץ א וועג צו העלפן ניו יארקער בייקומען די הוץ.

ניו יארקער קענען אויך בלייבן קיל דורך זיך באנוצן מיט דערנעבענדיגע קילונגע צענטערן. טרעפט א קילונג צענטער נאנט צו אייך אויף די סטעיט דיפארטמענט פון געזונטהייט ( State Department of Health) וועבזייטל. איינוואינער פון ניו יארק סיטי קענען טרעפן אינפארמאציע אויף קילונג צענטערן און דא. געוויסע פארק שווימען איינריכטונגען וועלן אויך פארלענגערן זייער שעות אויף מיטוואך און דאנערשטאג.

**פאר די באטראפענע פון שטורעמעס אויף זונטאג**
אין אנטווארט צו די שווערע וועטער וועלכע האט באטראפן די סטעיט איבער די וואך ענדע, גאווערנער Hochul (האקול) האט דעקלערט אן עמערדשענסי צושטאנד אין 32 קאונטיס. לויט גאווארנער האקול'ס אנווייזונג, האט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד פארזיכערונג און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אקטיווירט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער צו פארבעסערטע מאניטארינג פארם נאכצוגיין די שטורעמס און שאדן. זיי ארבעטען נאנט מיט לאקאלע עמערדשענסי פארוואלטער און רעגירונגען צו שטיצן ביטעס און צושטעלן הילף ווי געבעטן. סטעיט אגענטורן שטיין גרייט צו העלפן מיט געצייג און איינגעשטעלטע. לייכטע שלעפערס זענען געווארן צוגעשטעלט צו אנײדא קאונטי און אנדערע מאטעריאלן אוועקגעלייגט אין די סטעיט'ס ניין מאגאזינען ארייגערעכנט גענעראטורן און פאמפס זענען אויף פארהאנען צו העלפן לאקאלע געברויכן.

היים אייגנטומער און ביזנעסער אין באטראפענע געגענטער ווערן געמוטיגט אויסצופולן אן אנליין בויגן וואס ערלויבן איינוואוינער אליין צו באריכטן די שאדנס פון זייערע היימען און /אדער זייערע ביזנעסער. די צוועק פון די בויגן איז נאר צו זאמלען אינפארמאציע וואס קענען העלפן שטאטישע און לאקאלע אפיצירן אידענטיפיצירן סופלימענטאלע שאדנס צו אנטוויקלען און ארומארבעטן פאטענציאלע פארלאנגען פאר פעדעראלע הילפס פראגראמען וואס זענען דא צו באקומען. דאס איז נישט קיין אפליקאציע פאר רעליעף פראגראמען.

די דיפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) האט אויך א צאל רעסארסן פאר היים אייגענטומער וועלכע ספראווענען זיך מיט זייער אינשורענס קפירמעס נאכפאלגענדיג א קאטאסטראפע:

- געבט אריין קלעימס גלייך
- מאכן נוטיגע פארעכטונגען
- האלט רעקארדס פון דיעלינגס מיט אינשורענס פארשטייער
- פארצייכנט אייער אייגענטום
- פארפלייצונג שאגן
- האלט אייער רעצעפטן אויב איר ציט איך דורכאויס פארערכטונגען
- אריינגעבן אנקלאגעס

- אינפארמאציע אויף היים אייגענטומער'ס אינשורענס

מער רעסארסן זענען פארהאנען ביי די DFS קאטאסטראפע און פארפלייצונג ערהוילונג רעסארס צענטער.

**סטעיט אגענטור אפרופונג**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג האלט אן רעגלמעסיגע קאנטאקט מיט קאונטי עמערדזשענסי פארוואלטער צו פארזיכערן אז אפקילונג צענטערן זענען צוגענגליך, און צו צושטעלן הילף און עצות איבער עקסטרעמע היץ ריזיקעס. אין צוגאב, טוט די אגענטור אנפירן צוגרייטונגען און ארבעט אויס אנווייזונגען און קאמיוניקאציעס מיט סטעיט אגענטור מיטארבעטער. אינפארמאציע איבער וויאזוי צו באהאנדלען שווערע היצן קען מען טרעפן אנליין. צו באקומען לעבעדיגע וועטער און עמערדשענסי אלערטס, ווערן ניו יארקער זענען געמוטיגט צו טעקסטן די נאמען פון זייער קאונטי אדער בארא צו 333111.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (New York State Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

די פאלגענדע סטעיט פארק שווימען איינריכטונגען וועט ווערן געעפנט פאר פארלענגערטע שעות:

**לאנג איילענד**

- Jones Beach State Park: פעלד 6 און צענטראלע מאל; פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Robert Moses State Park: פעלד 2 און 5; פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Sunken Meadow State Park: הויפט ביעטש; פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Hither Hills State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**האדסאן וואלי**

- Bear Mountain State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 6:30 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Lake Tiorati State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 6:45 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Rockland Lake State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 6:30 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Lake Minnewaska: פארלענגערטע שווימען ביז 7:45 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Lake Minnewaska-Awosting: פארלענגערטע שווימען ביז 6:30 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**ניו יארק סיטי**

- Gantry Plaza State Park: שפריץ פעד פארלענגערט ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Four Freedoms State Park: שפריץ פעד פארלענגערט ביז 6:45 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Denny Farrell Riverbank State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**הויפטשטאט דיסטריקט**

- Grafton Lakes State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג
- Thompson's Lake Campground/Thacher State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג
- Moreau Lake State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג

- Saratoga Spa State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג
- Lake Taghkanic State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Taconic-Copake State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Taconic Kiddie Pool: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**מערב ניו יארק**

- Allegany State Park - Red House Lake: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Allegany State Park - Quaker Lake: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Beaver Island State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Evangola State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Fort Niagara State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Woodlawn Beach State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**צענטראל ניו יארק**

- Green Lakes State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Delta Lake State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Verona Beach State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Chenango Valley State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**פינגער לעיקס**

- Letchworth State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:45 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Fair Haven Beach State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Robert Treman State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Seneca Lake-Spray Ground: שפריץ ארט שעות פארלענגערט ביז 7:30 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Taughannock Falls State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Sampson State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Filmore Glen State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 8:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

**צפון קאנטרי**

- Southwick Beach State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך
- Westcott Beach State Park: פארלענגערטע שווימען ביז 7:00 נ.מ דינסטאג און מיטוואך

שווימען עוועיליביליטי קען ווערן אפעקטירט דורך דראאענדע וועטער, טוישענדע וואסער באדינגונגען אדער באאמטע. ביטע קוקט נאך סטעיט פארק'ס וועבזייטל parks.ny.gov אדער רופט די פארק איר ווילט באזוכן דירעקט צו באשטעטיגען עוועיליביליטי.

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס**

נאכ'ן זיך פארבינדען מיט אינשורענס פירמעס, קענען איינוואוינער באקומען הילף מיט אינשורענס אינפארמאציע איבער פאליסי דעקונג פאר פארלוסטן און עצות אויף וויאזוי צו דאקומענטירן זייערע פארלוסטן און באשיצן זייערע שטחים דורכ'ן רופן די דעפארטמענט'ס דיזאסטער האטליין אויף 800-339-1759.

ניו יאָרקער וואָס זענען באַטראָפן געוואָרן דורך פאַרפּלייצונגען ווערן געמוטיגט צו באַזוכן די DFS דיזאַסטער און פאַרפלייצונג ערהוילונג הילפמיטלען צענטער פאַר הילפבאַרע אינפאָרמאַציע.

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון פּובליק סערוויס (New York State Department of Public Service, DPS)**
DPS פאָלגט נאָך די עלעקטריק סיסטעם אומשטאַנדן און זעט אויף איבער די יוטיליטי פירמעס אפּרופונג צו סיי וועלכע מצבים וועלכע קענען אַרויסקומען אַלץ רעזולטאַט פון די שווערע היצן און מעגליכע שינערן שטורעמעס אַקטיוויטעט די וואָך. עס זענען יעצט דאָ 9,997 עלעקטריק קורצשלוסן באַריכטעט איבערן סטעיט. DPS בלייבט אין דירעקטע פאַרבינדונג מיט יוטיליטי אָפּעראַציע פּירערשאַפט צו פאַרזיכערן זיי האַלטן אין איין נאָכגיין טרעקינג סיסטעם באַדינגונגען און געבן אַנטוואָרט צו פעלער פון פּראָבלעמען און קורצשלוסן אַזוי שנעל ווי מעגליך צו צוריקשטעלן די סיסטעם און קאַסטאָמער. ניו יאָרק'ס יוטיליטיס האָבן אומגעפער 5,500 אַרבעטער גרייט ווי נויטיג, דורכצופירן שאָדן אָפּשאַצונגען, ריאַגירן, פאַרריכטן און צוריקשטעלונג אַרבעט לענגאויס ניו יאָרק סטעיט דורכאויס די היץ אומשטענדן. אַגענטור שטאַב מיטגלידער וועלן נאָכפאָלגן די אַרבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פאַרזיכערן אַז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאַנשאַפטן צו די ראַיאָנען וועלכע ווערן די מערסטע באַטראָפן.

דורכאויס היץ כוואַליעס, קען פאַרמערטע באַנוץ פון עלעקטראָנישע מאַשינען א שטייגער ווי עיר קאַנדישאַנערס ברענגען א ערנסטע פאַרלאַנג אויף די סטעיט׳ס עלעקטריציטעט סיסטעם און פאַראורזאַכן פעלער פון נידריגע וואָלטעדזש אָדער איינצעלע קורצשלוסן. די רעקאָרד פאַר אַזאַ באַנוץ איז וועקגעשטעלט געוואָרן אויף יולי 19, 2013, ווען עס האָט דערגרייכט 33,956 MW's (איין מעגאַוואַט פון עלעקטריציטעט איז גענוג צו געבן קראַפט פאַר ביז 1,000 מיטל-מאָסיגע היימען.)

נאַצינאַלע גריד וועט פאַרזעצן מיט פאַרריכטונגען און רעסטאַראַציע באַמיהונגען היינט פאַר די פאַרבליבענע עלעקטריק קאַסטאָמערס געטראָפן דורך זונטאג צופרי'ס שווערע שטורעמעס. געוויסע טיילן פון נאַציאָנאַלע גריד'ס טעריטאָריע האָט מיטגעמאַכט גראַדע-ליניע ווינטן איבערשטייגענדיג 90 מפש און אַן EF-1 טאָרנעידאָ מיט ווינטן ביז 105 מפש, מיט מער ווי 101,000 עלעקטריק קאַסטאָמער באַטראָפן איבערן סטעיט.

**העלט דעפּאַרטמענט**
די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט נעמט מערערע שריט צו פאַרשטערקערן די זיכערהייט פון אַלע ניו יאָרקער אין צייטן פון עקסטרעמע היצן, ספּעציעל די וועלכע זענען אין די גרעסטע געפאַר. די דעפּאַרטמענט האָט אַרויסגעגעבן אָנווייזונגען פאַר אַלע שפּיטעלער, דיאַגנאָסטיק און באַהאַנדלונג צענטערן, נורסינג היימען, היים קעיר און האָספּיס פּראַוויידער און נורסינג היימען און האָט אַרויסגעגעבן נאָך אָנווייזונגען פאַר אַנפירער פון סיי וועלכע פּלאַנירטע פּובליק אווענטן מיט מער פון 5,000 באַטייליגטע. די דעפּאַרטמענט וועט אַרבעטן צוזאַמען מיט DHSES און לאָקאַלע העלט דעפּאַרטמענטס און עמערדזשענסי באַהאַנדלער צו פאַרזיכערן צוטריט צו אָפּקילונג צענטערן און זיכערע ערטער דורכאויס די עקסטרעמע היצן.

לערנט מער איבער היץ-פאַרבינדעטע קראַנקהייט, אַריינגערעכנט צייכנס און סימפּטאָמען און ווען צו נעמען שריט אויף די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט׳ס עקסטרעמע היץ אָנווייזונגען וועבבלאַט.

די ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט׳ס אינטעראַקטיווע היץ ריזיקע און קראַנקהייט דעש-באָורד (Heat Risk and Illness Dashboard) ערמעגליכט די פּובליק און קאַונטי העלט קעיר באַאַמטע צו

אויסגעפונען די פארגעשאצטע שטאפל פון היץ-פארבינדענע געזונטהייט ריזיקעס אין זייער געגענט און ברענגען אויפמערקזאמקייט איבער די געפארן פון זיין אויסגעשטעלט צו היץ.

### NYS דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (NYS Department of Agriculture and Markets)

די אגענטור האט געזאמלט וויכטיגע אינפארמאציע, אריינרעכענענדיג פארמיידונגס מאסנאמען, צו העלפן פארגרינגערן די אפעקטן פון עקסטרעמע היץ אויף פארם ארבעטער און פארם באשעפענישן. די דעפארטמענט וועט אויך ארבעטן נאנט צוזאמען מיט מיטארבעטער ביי די ניו יארק אויסברייטערונג דיזעסטער עדיוקעישאן נעטווארק (New York Extension Disaster Education Network, NY EDEN) ביי קארנעל אוניווערסיטעט צו האלטן אן אויג אויף מעגליכע אפעקטן פון די עקסטרעמע היץ ערווארטאט די וואך. NY EDEN איז אויך א ריסאורס פאר פארמער און פארם ארבעטער דורכאויס א היץ כוואליע, און מען קען באקומען נאך אינפארמאציע אויף https://eden.cce.cornell.edu/natural-hazards/heat-wave/.

### דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC)

DEC דערמאנט דרויסענדיגע אדווענטורער אז אומפארשאצבארער וועטער - אריינגערעכנט שנעל טוישענדע טעמפעראטורן און שטורעמס אין די עדיראַנדעקס (Adirondacks), קעטסקילס (Catskills) און אנדערע קאַנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפארפולע אומשטענדן. באזוכער זאלן זיין גרייט מיט פאסיגע קליידונג און געצייג פאר רעגן, בלאטע און ווארעמע טעמפעראטורן צו פארזיכערן א פארזיכערטע דרויסנדיגע ערפארונג.

מענטשן וואס גייען הייקן אין די עדיראַנדעקס ווערן געמוטיגט צו כאפן א בליק אויף די עדיראַנדעק קאנטרי אינפארמאציע וועבזייטל בלעטער פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנאלע שאסיי אפשפארונגען און אלגעמיינע פארוויילונג אינפארמאציע.

שפאצירן אין די היץ איז אייביג געפארפול. ניו יארקער און באזוכער זאלן איבערקוקן די פאלגענדע טיפס צו פארמיידן היץ אויסגעשעפטקייט און הוץ סטראוק:

- שפאצירט שטייטער.
- טרונקט וואסער און רוהט אייך אפט אפ.
- זוכט שאטן און טוט פארמיידן לאנגע צייט אפשניטן אין דירעקטע זון-שטראלן.
- ברענגט אמווייניגסטנס 2 ליטער וואסער פאר סיי וועלכע שפאציר.
- ברענגט א וואסער פילטער, ספּיציעל פאר לענגערע שפאצירן.
- ברענגט מיט זאלציגער סענקס צו האלטן אייער עלעקטראלייטס אין פלאץ.
- נוצט זון-שמירעכץ.
- לאזט איבער אייער שטוב באשעפענישן אינדערהיים - די הוץ איז שווערער פאר זיי, ספּיציעל שפאצירן אויף הייסע שטיינער.
- נעמט אין באטראכט צו זעלבס בלייבן אינדערהיים און ווידער פלאנירן פאר א צווייטע טאג ווען וועטער אומשטענדן פארבעסערן זיך.

אפילו ווען די וועטער איז פארגעשאצט צו זיין הויכע הוץ א גאנצן טאג, עס איז אלץ דא א מעגליכקייט פאר הייפאטערמיע צוליב א פלוצעמדיגע שטורעם אדער פאל אין טעמפעראטורן. דעס קען זיך דראמאטיש פארמערן אויב איר שוויצט און טראגט נישט שוויץ-אבסארבענדירענדע קליידער (געמאכט פון סחורה ווי וואל אדער פאליעסטער). פולע פעלער פון הייפאטערמיע זענען אין די זומער ווען מענטשן ערווארטן עס דאס ווייניגסטע.

ווען איר שפאצירט, רייט אויף א ביציקל אדער שיפלען, קען שפאציר קלוג NY אייך העלפן צוצוגרייטן א ליסטע פון 10 וויכטיגע זאכן, אנווייזונגען וואס אנצוטוהן און טיפס פארן פלאנירן אייער אויספלוג מיט זיכערהייט און אנהאלטונג אין באטראכט. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS.

**לופט קוואליטעט**

DEC טוט וויטער באוואכן לופט קוואליטעט איבער די סטעיט און וועט ארויסגעבן לופט קוואליטעט געזונטהייט עדווייזאריס ווען נויטיג. ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו זיין "אויפמערקזאם איבער די לופט קוואליטעט" און קוקן אויף airnow.gov פאר קראנטע אינפארמאציע איבער לופט קוואליטעט און אומשטענדן. צו זעהן די לעצטיגע DEC לופט קוואליטעט פארשאצונגען, באזוכט די DEC וועבזייטל.

**עקסטרעמע היץ**

DEC האט לעצטנס ארויסגעשטעלט ערשטע דארפישע היץ אינזל (Urban Heat Island) מאפעס צו העלפן קאמיוניטיס בעסער פארשטיין, פלאנירן און זיך צופאסן צו עקסטרעמע היץ אויסגעשטעלטקייט אויף די געגנט שטאפל. לינקס צו די מאפעס, ווי אויך נאך אינפארמאציע און דאטא, קען געפונען ווערן אויף DEC'ס עקסטרעמע היץ עקשען פלאן וועבפעידש און ארויפגעשטעלט אויף nys-heat.daveyinstitute.com/hottest-hour. די פראיעקט רוקט פאראויס א וויכטיגע שריט אין די עקסטרעמע היץ שריט פלאן און רוקט פאראויס א 2022 געזעץ אונטערגעשריבן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) וואס באפעלט די DEC צו שטודירן די אפעקטן פון אומגעווענליכע קאנצענטראציעס פון עקסטרעמע היץ אין שוואכערער קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט.

**שעדליכע אלגאל בלומס**

נאכפאלגענדיג צייטאפשניטן פון שווערע רעגן, נערונג אפלויף קען שאפן שעדליכע שאלגאל בלומס (harmful algal blooms, HABs) צו פארעמען אין פרישע וואסער לעיקס, פאנדס, טייכן און סטריעמס. ניו יארקער זאלן פארמיידן שווימען, שיפלען, פארוויילן אדער טרינקן וואסער מיט א בלום.

ווען עס קומט צו HAB'ס, DEC מוטיגט מענטשן צו "ווייס עס, פארמייד עס, באריכט עס":

- **ווייס עס** - HAB'ס זענען פארשידענארטיג אין אויסקוק, פון פארשפרייטע גרינע פינטלעך אין די וואסער ביז לאנגע ליניער גרינע סטריעקס, ערבעס זופ אדער אויסגעגאסענע גרינע פארב, צו בלוי-גרין אדער וואסער קאלירונג.
- **פארמייד עס** - מענטשן, חיות און בהמות זאלן פארמיידן קאנטאקט מיט וואסער ווילעכע איז מיסקאלירט אדער האט אגאל סקאמס אויפן אויבערפלאך.
- **באריכט עס** - אויב מיטגלידער פון די פובליק פארדעכטיגן אן HAB, באריכט עס דורך די NYHAB'ס אנליין באריכטונג בויגן פאראנען אויף DEC'ס וועבזייטל. סימפטאמען אדער געזונטהייט זארגן פארבינדען צו HAB זאלן ווערן באריכטעט צו ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט אויף harmfulalgae@health.ny.gov.

די **ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר (New York State Department of Labor)** האט ארויסגעגעבן פולשטענדיגע אנווייזונגען צו העלפן ארבעטסגעבער בעסער באשיצן דרויסנדע ארבעטער דורכאויס עקסטרעמע היץ און וויזט אן ארבעטער און ארבעטסגעבער אנטייל צונעמען אין די בעסטע פראקטיצירונגען אזויווי:

- פארזיכערן צוטריט צו אומזיסטע ריינע וואסער צו טרינקן פאר ארבעטער, די גאנצע צייט און ווי נענטער צו די ארבעטספלאץ מעגליך.
- צושטעלן שאטן און באצאלטע אפרוה ווען די הוץ אינדעקס דעגרייכט 80 גראד פארענהייט אדער העכער, און מער אפטע אפרוה הפסקות איינמאל די הוץ אינדעקס שטייגט איבער 90 גראד.

- באקליידט אייך מיט ריכטיגע PPE אזוי לאנג ווי זיי טוהן נישט שטערן זיכערהייט געצייג, אריינגערעכנט זון געשמיראכץ, אפקיונג וועסטס, ברייטע-ברים הוטן, און לייכטע, לויזע קליידער.

מער אינפארמאציע אויף[בעסטע פראקטיצירונגען צו ארבעטן אין עקסטרעמע היצן קען מען טרעפן דא](#).

**די טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)** מעינטענענס מאנשאפטן וועלן דורכפירן סטאנדארט טעגליכע אפעראציעס ווען די טעמפעראטורן זענען די נידריגסטע און וועט פארבעסערן די פאטראלן וועלכע האלטן אן אויג אויף די הייוועי. מאטאריסטן ווערן דערמאנט און געמוטיגט צו נעמען הפסקות ביי איינער פון די 26 סערוויס ערטער אדער דריי וועלקאם צענטערן לאקאירט אויף די טרו-וועי סיסטעם.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)** מענטענענס מאנשאפטן וועלן דורכפירן מערסטנס דרויסנדיגע ארבעט אין די אינדערפרי שטונדן און אויספאלגן באשטימעט טרינקען און אפרו פראטאקאלן צו העלפן פארגרינגערן די ריזיקעס פארבינדן מיט הויכע טעמפעראטורן.

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services)**
די אגענטור נעמט א צאל שריט צו פארזיכערן אז אקטיוויטעטן ביי וואוינונגס צענטערן, איינשפארונג פראגראמען און באפעלקערונג קעיר פראגראמען ווערן דורכגעפירט אויף א זיכערע פארנעם דורכאויס די היץ. דאס נעמט אריין איבערקוקן אפקילונג אפאראטן, פארזיכערן אז פאסיגע מאס וואסער איז צוגענגליך און ווערט געטרינקען, טוישן אקטיוויטעטן און זיצונגען פאר אן אנדערע מאל, און אידענטיפיצירן שטאב און קליענטן וועלכע קענען אפעקטירט ווערן דורך די היץ. זיי שטעלן אויך צו אנווייזונג פאר טשיילד קעיר פראגראמען און גרופעס פארבינדן מיט די קאמיסיע פאר די בלינדע איבער די גאנצע סטעיט.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט (New York State Office of Mental Health)**
פאראויס פון די הייסע אומשטענדן, זאלן ניו יארקער וויסן אז די אפעקט וואס הויכע היצן קענען האבן אויף מענטשן וועלכע באקומען אנטי-פסיכיאטיראשע מעדיצינען, וועלכע זענען אין א גרעסערע געפאר פון ליידן פון היץ סטראוק און ניוראלעפטיק מאליגנענט סינדראם אין ציטן פון עקסטרעמע היץ, וואס פאסירט מער אפט אין פלעצער וואס האבן נישט גוטע לופט. קינדער און עלטערע מענטשן זענען אין א גרעסערע געפאר.

אין צוגאב צו האלטן אן אויג אויף מענטשן אין געפאר, איז דאס בעסטע צו פארמיידן די אומשטענדן דורך מאכן זיכער צו טרינקען, ספעציעל די וועלכע זענען אין א גרעסערע געפאר, אריינגערעכנט מענטשן וועלכע נעמען אנטי-פסיכיאטרישע מעדיצינען, די עלטערע, קינדער און די וועלכע נעמען נישט אריין גענוג פליסיגקייטן.

אויך, מענטשן וועלכע זענען אין א גרעסערע געפאר זאלן בלייבן אין קילערע ערטער; ווערן איבערקוקן פאר הייבונגען אין זייערע טעמפעראטורן; פארמיידן דירעקטע אויסגעשטעלטקייט צו די זון און טראגן קליידער וואס באשיצן קעגן די זון און סאנסקרין. אנטי-קאלינערדזשיק מעדיצינען קענען שטערן א מענטש פון שוויצן און זאלן פארמיטן ווערן.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance)**
די אגענטור דערמאנט לאקאלע דעפארטמענטס פון סאושעל סערוויסעס און עמערדזשענסי היימלאזע שעלטער אפערירער איבער די נויטיגקייט פון צושטעלן פענס צו העלפן אנהאלטן מעסיגע לופט צורקילירונג אין ציטן פון עקסטרעמע היץ און פייכקייט. אויך, זאלן די שעלטער פראוויידערס צושטעלן אן אפקילונג צימער אין די איינריכטונג פאר איינוואוינער, אויב מעגליך.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority)**
NYC טראנזיט וועט איינפירן היץ פאטראלן צו אקטיוו פארמערן טרעק אונטערזיכונגען און אוועקשטעלט מער מאנשאפט און הויפט געפאר געגנטער אריינגערעכנט קראפט סוב-סטאנציעס, מאשין צימערן, גענעראטארס, קעיבלס און פארבינדונגען, צו רעדוצירן מעגליכע אפעקטן אויף סערוויסעס און רעדוצירן די צייט וואס עס נעמט צו ריאגירן צו היץ-פארבינדענע פאסירונגען. צו פארזיכערן פאקציאנירענדע עיר קאנדישענינג, וועלן סאוועי רעיל קארס און באסעס ווערן אונטערגעזוכט פארן ווערן אריינגעלייגט אין סערוויס. פראטראנזיט סערוויס פראוויידער ווערן דערמאנט אז וויקעלס מוזן האבן פונקציאנירענדע עיר קאנדישעניג. באסעס און אפערירער וועלן זיין אנווענזד פאר סיי וועלכע הילף נויטיג מיט סאבוועיס אדער עמערדשענסי סערוויסעס. NYC טראנזיט טוט אויך פארענדיגן אן אנגייענדע וועלדעד באן וואטש ווען באן טעמפעראטורן שטייגן איבער 100 גראד צו זיין וואכזאם פון רעיל קינקס אדער אנדערע פראבלעמען.

לאנג איילענד רעיל ראוד און מעטרא-נארט רעילראוד שטאב וועלן ווערן אוועקגעשטעלט ביי הויפט לאקאציעס צו קענען ריאגירן שנעל צו וועטער-פארבינדענע פראבלעמען. די רעילראוד וועט האלטן אן אויג אויף רעיל טעמפעראטורן, אנשטעלן הוץ פאטראלן צו דורכקוקן די רעילס פאר סיי וועלכע קינקס, און שטעלן נאך פאווער דיפארטמענט באאמטע צו באשיצן פאווער סאבסטעישענס און איבערן קאפ ליניעס. באן שטאב זענען אנגעזאגט געווארן צו באריכטן סיי וועלכע רעיל אומשטענדן וועלכע דארף אויפמערקזאמקייט.

**די פארט אויטאריטעט אפיס פון עמערדשענסי פארוואלטונג ( Port Authority Office of Emergency Management)** קאארדינירט מיט איינריכטונג שטאב צו האלטן אן אויג אויף וועטער באדינגונגען און אפערירונג ווירקונגען און האלט אן פארבידונג מיט ראיאנישע מיטארבעטער צו שטיצן רעאקציע געגרייטקייט דורכאויס צייטן פון העכערע טעמפעראטורן.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואטשעס, ווארענונגען, אנווייזונגען און די לעצטע פארשאצונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן